# THE SHEPHERD OF ISRAEL

ENGLISH DEPARTMENT

VOL. XII., No. 10 | 50 CENTS A YEAR | JUNE, 1930

## WAS ABRAHAM A JEW?

No, Abraham was a Gentile. His father was a worshipper of idols. He not only worshipped idols, but he taught others to indulge in the same abomination.

And yet God loved Abraham. Indeed, so great was God's love for this remarkable man, that He honored him by calling him, MY FRIEND. And Abraham has come down to us in history as the only person in all creation whom God ever called "Friend." What would you not give, dear reader, if you too could be called the Friend of God? Sometimes we Jews get the false idea that just because we are Jews therefore we are entitled to some sort of charmed existence, and that somehow God owes us eternal care and eternal life. Nothing could be further from the truth than this. The Jews in the time of the Lord Jesus Christ used to boast of this false security, but one day John the Baptist said to them:—

"And think not to say within yourselves, We have Abraham to our father: for I say unto you, that God is able of these stones to raise up children unto Abraham." Matth. 3:9.

In the days of Abraham the word Jew was unknown. Such a thing as a Jewish nation was unheard of, and on every side were only Gentiles. And yet God loved Abraham, a Gentile.

It is of supreme importance that every thinking Jew should find out why God loved Abraham. The answer is not hard to find, nor far to seek. It is found in our own Pentateuch, in Gen. 15:6.

"and he believed in the Lord; and he counted it to him for righteousness."

At that time Abraham was 100 years old and Sarah, his wife, was 90 years old; both of them were beyond all human possibility of ever being a father and a mother. Yet God came to Abraham and told him "he that shall come forth out of thine own bowels shall be thine heir." And Abraham was just simple enough and trusting enough to believe that what God said would come to pass, even though all human nature told him it was an utter scientific impossibility.

#### Abraham Changes His Mother's Religion

And long before even this incident, our own Jewish Talmud tells us how Abraham had become disgusted with his father's and mother's idols, and altho he had been brought up in his mother's religion, and in his father's religion, his own senses told him that that religion was vile and was in direct disobedience to the will of God. And Abraham as a young boy set his teeth and turned his feet away from his father's home and away from his own kindred, and went out into a land wherever God would lead him. And if Abraham had not done that, and if he had stayed by his father and mother which was the easiest thing to do, would there be a Jewish nation today?

Listen, you rabbis; hear us, you so called Jewish leaders, who mis-lead thousands of innocent Jews; don't ever talk again about a Jew who becomes a believer in the Lord Jesus Christ as a "traitor to his mother's religion." If Abraham had not been a "traitor" to his mother's religion, you would not be a rabbi today. It is only because we have had such "traitors" among us, men who have dared to stand for what is right, and who have gone down to the death because of their faith, if we had not had such men among us, we fear very much that God would have destroyed the Jewish nation many, many years ago because of the fullness of their iniquity.

And God sent His only begotten Son into the world, and He asked us to believe in Him as the only Saviour for our sins as the only person through whom we may have eternal life. And in asking us to do this, God has asked from us exactly the same exercise of faith which He asked of Abraham nearly six thousand years ago. And Abraham believed God, but we Jews of today are so much smarter than Abraham that we refuse to believe God, and we quibble and argue and stumble over such a foolish question as to whether the Lord Jesus Christ could have been scientifically born of a virgin! Was the birth of Isaac at a time when Sarah was 90 years old and beyond all human child-bearing possibilities — was that birth any less miraculous than the birth of the Lord Jesus Christ from a virgin? If God was able of a piece of clay to speak the word and to breathe the breath that made of it a human being, could not the same God cause a young virgin to have a child? Don't you see, dear reader, how Satan is only blinding you and throwing dust before your eyes so as to make you stubborn and to make you argue over little foolishness and thus prevent you from actually becoming a true child of God and a friend of God?

And there are thousands of Gentiles today who just as Abraham did of old are actually believing God, and they have had no difficulty in believing that God could and did cause the birth of the Lord Jesus Christ by the Virgin Mary, and in so believing these Gentiles are exercising exactly the same kind of faith that Abraham exercised, and so they have become, and God has called them "the spiritual seed of Abraham," and they are truly God's children, and they are putting to shame our Jewish nation, because they believe God and our Jewish nation does not believe God.

The Synagogues were crowded this Yom Kippur as in previous Yom Kippurs and thousands of Jews fasted and prayed and cried to God the whole day long, but when the day was finished did they have any assurance that their sins were forgiven? Did God open the heavens and answer their prayers? No! Listen to what God says in Isa. 1:15:—

"When ye spread forth your hands I will hide mine eyes from you; yea when ye make many prayers, I will not hear: your hands are full of blood."

So, dear reader, you can keep on praying and fasting from now until the crack of doom, and your prayers will get no higher than the beautiful dome of your synagogue; because God has provided for you a way by which your prayers can be answered; that way is only thru the Lord Jesus Christ, who said in John 14:6:—

"I am the way, the truth and the life; no man cometh unto the father but by me."

so that you can only be received by God thru the Lord Jesus Christ.

How long then will our Jewish people remain blind? How long will you allow that Gentiles shall enjoy all the blessings that God has promised to those who will believe in the Lord Jesus Christ? Why not try and put God to the test? Just say in your own heart that you honestly do want to be a child of God and that you honestly want to believe in the Lord Jesus Christ if God wants you so to believe. If you will do this honestly and then ask God from the bottom of your heart to show you whether or not the Lord Jesus Christ is truly your Saviour, we are satisfied to abide by the results you will receive. Will you try it?

OUR HEADQUARTERS

**BETH SAR SHALOM**

**Throop Avenue and Walton St.**
**Brooklyn, N. Y.**

OUR BRANCHES

Williamsburg Bridge Plaza
235 South 4th Street, at
**Brooklyn, N. Y.**

**Philadelphia, Pa.**
**535 Spruce Street**

**Atlantic City, N. J.**
**2603 Pacific Avenue**

**Pittsburgh, Pa.**
**1861 Rose St., cor. Dinwiddie**

**Published Monthly, except bi-monthly during August and September, by the Williamsburg Mission to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.**

לונג צו ישוע המשיח. אמשטאדט עהרע — **גיבען** זיי איהם חרפות ובזיונות עד אין לספר.

אט דאס ווילען די זשורנאליסטען און סתם שרייבער אויסגעפינען, דעם אייגענארטיגען כא־ראקטער פון דעם אנטיקווירטען אידישען פאלק, און זיי וועלען מסתמא אזוי לאנג שרייבען און זיך גרוב־לען וועגען דעם איד ביז זיי וועלען אויסגעפינען און ענטדעקען עפעס א לעגענדארישען סוד וואס ליגט אין אידישען מח נאך משנים קדמניות אן.

---

## א געבוירענער בלינדער ווערט זעהענדיג

דיעזע אמת'דיגע געשיכטע האט פאסירט פיעלע יאהרען צוריק.

אויפ'ן וועג צווישען יריחו און ירושלים זיצט א בלינדער איד און בעט נדבות פון די פארבייגע־הענדע. ער זיצט דער ארעמער בלינדער און וואַ־רעמט זיך אין די שטראהלען פון דער זון. אלע פארביי־געהער וואס זעהען זיין פנים האבען שטארק רחמנות מיט איהם און גיבען איהם א נדבה, אבער איהם זעהענדיג מאכען, קאן קיין איינער פון זיי. אוי ווי וואלט ער נעביך געוואלט קענען לעזען, א בוך, א צייטונג, זעהן גאטס וואונדערבארע נאטור, א בליק טהון אויף טאטע, מאמע, ברידער, און שוועסטער! א לעבען צוגעבראכט אין גאנצען אין פינסטערניש! אוי ווי שלעכט דאס איז!

דער בלינדער האט אויסגעקליבען א גוטען פלאץ צו זיצען און בעטען נדבות. אסאך מענשען געהען דארט פארביי, פון שטאדט און צו דער שטאדט. ערשטענס באקומט ער טאקע מעהר נדבות, און צווייטענס הערט ער מעהר פון די פארבייגעהער דאס נייעס און די טאג טעגליכע פאסירונגען, ווייל לייענען אליין דאס נייעס אין צייטונגען קאן ער דאך נישט, איז כאטש הערען דאס פון אנדערע.

זיצענדיג אזוי, הערט ער ווי פארבייגעהער רע־דען צווישען זיך מיט גרויס בעגייסטערונג וועגען איין געוויסע פערזאן וואס זיי רופען אן „נביא". און אנדערע ווידער זאגען אז ער איז דער משיח וואס גאט האט פארשפראכען צו שיקען צו אונזער פאלק ישראל. והא ראיה, האט ער דען נישט הע־רענדיג געמאכט א טויבען, זעהענדיג געמאכט א בלינדען און לעבעדיג געמאכט אפילו א טויטען! און דוקא נישט מיט קיינע אינסטרומענטען, נייערט מיט א בליק. וואונדער איבער וואונדער, ער נעהמט גאר קיין געלד דערפאר! ער רעדט מיט אזוי פיעל צערטליכקייט, ליעבע און רחמנות מיט יענע אומ־גליקליכע. ער איז גאר נישט אזוי ווי די פרושים. סופרים און אנדערע אליין געקרוינטע פיהרערס — זאגען די פארבייגעהער, ער מוז אודאי זיין דער משיח בן דוד, דען בן אלהים.

א שטראל פון האפנונג איז אריין אין דער נשמה פון דעם בלינדען. דער משיח איז געקומען.‥! איך הער אז ער העלפט יעדען מענש, ער פערלאנגט קיין געלד און אפילו קיין דאנק, זאגדערן "אמונה"! ער וועט בלי ספק אויך מיר העלפען און מיך זע־הענדיג מאכען. אוי הלואי געהט ער דא פארביי.‥ איך וועל איהם בעטען... יא ער וועט העלפען‥. ער וועט מיר געוויס העלפען.

אזוי זיצענדיג אויף זיין געוועהנליכען ארט פלעגט ער זיך דערמאנען אן די נבואות וואס ער האט געהערט אין שוהל וועגען דעם משיח אז ער וועט אויפטהון פיעל וואונדער, יא, אפילו אויך זעהענדיג מאכען די בלינדע.

ענדליך איז דער טאג וואס דיעזער ארעמער בלינדער האט אזוי שווער געווארט געקומען; ער הערט ווי א גרויסער עולם געהט פארביי, ער הערט די שווערע טריט פארביי געהן און וואונדערט זיך וואס עס פאסירט היינט דא מעהר ווי אין אנדערע טעג און כאפט איינעם פון די פארבייגעהער ביים ארבעל און פרעגט איהם, זאג מיר, איך בעט דיך וואס האט היינט דא פאסירט?

און יענער ענטפערט איהם — ישוע הנוצרי וועט דא היינט געהן פארביי.

און באלד הערען מיר דעם בלינדען אויסשרייען: ישוע בן דוד„ האב רחמנות אויף מיר!

פלוצים הערען מיר די געטליכע שטימע פון ישוע המשיח, "ברענגט דעם מענש צו מיר". . . . און ישוע המשיח פרעגט איהם, "וואס ווילסטו אז איך זאל טהון פאר דיר"

— גיב מיר אויגען. גיב מיר ליכט. גיב מיר די ראייה. איך האב שוין ראייה אין מיין נשמה ווייל איך גלויב אז דו ביזט דער הייליגער משיח דער בן אלהים, גיב'זשע מיר אבער אויך ליכט אין מיינע אויגען אז איך זאל נישט אב'חושך'ן אלע מיינע יאהרען.

— געה דיין וועג—זאגט צו איהם ישוע המשיח. דיין גלויבען האט דיר געהאלפען. און אויפ'ן ארט איז דער געבוירענער בלינדער זעהענדיג געווארען.

ליעבער לעזער, דערזעלבער משיח וואס האט מיט איבער 1900 יאהר צוריק בעגליקט אסאך מענשען מיט גייסטיגע און מיט קערפערליכע ליכט און האט אויך געטהון אסאך אנדערע נסים ונפלאות, געהט אויך היינט פארביי. ישוע המשיח איז דער־זעלבער נעכטען היינט און לנצח נצחים. (עברים י"ג, 8) גלויבט אין איהם און רופט צו איהם איז געבעט אזוי ווי יענער בר תומי האט געטהון. זאלען אנדערע אייך נישט שטערען ווייל זיי זענען נישט אויסען אייער טובה. רופט־אויס הויך "ישוע בן דוד בן אלהים"! איהר וועט באלד הערען זיין געט־ליכע שטימע. ער וועט אייך רופען, אייך בענשען און אייך געבען סליחת חטאים און עביגעס לעבען.

ב. שאטקין.

---

## גרויסע אידען

אין דיעזען נומער "רעה ישראל" שטעלען מיר דאס בילד פון'ם גרויסען איד, ישראל לעווענ־טהאל, פון פאזען, דייטשלאנד.

מר' לעווענטהאלס עלטערען זיינען דוקא ניט זעהר פרום געווען, ער האט אבער געהאט אן אנקעל אין עסטרייך וועלכער איז שוין צו־פרום געווען, פא־נאטיש פרום. א רבי פאהרער. און אט דער אנקעל האט דעם פלימעניק צו זיך גענומען און האט איהם אויפגעצויגען אין א חסידישען דרך. ער האט איהם געמאכט פאר א "פאהרער" און ביידע האבען געכאפט שיריים פון רבי'ן אויף וואס די וועלט שטעהט.

א פאר טעג פאר שבועות זעהען מיר איהם זי־צען אין א וועגעלע געפאקט מיט חסידים פאהרענדיג צום רבי'ן "זאל לעבען", און פאהרענדיג דורך א וואלד וואו דער וועג איז געוועזן זעהר א שלעכטער. האט זיך זיי בערארפט אן אקסעל אין וועגעלע צו־ברעכען און ניט אהין ניט אהער, כאטש נעם דאס וועגעלע מיט דער קליאטשע אויפ'ן רוקען און עולה רגל זיין צום רבי'ן, דערצו האט נאך אנגעהויבען דינערן, צו בליצען און שטארק צו רעגנען און דא



הויבט שוין אן נאכט צו ווערען. ס'איז א ביטערער עסק, וואס טהוט מען וואס?

אונזער "ישראלטשע" (אזוי האט מען איהם גע־רופען) זייענדיג דער אינגסטער פון אלע, האט זיך אונטערגנומען ארום צו לויפען אין גוס־רעגען אין'ם וואלד צו זוכען עפעס א לעבעדיגען מענש זיי ארויס־צו העלפען פון דער צרה. געהענדיג אהין און אהער האט ער דערווייל דאס וועגעלע מיט די חסידים לגמרי פארלוירען. ער האט אבער פון דערווייטען דערזעהן עפעס א פונק, ווי פון א ליכט שיינען, ער איז שנעל אהין צוגעלאפען און דעם ווירטה פון הויז אלעס דערצעהלט. און יענער איז שנעל געגאנגען די פערלוירענע חסידים אויפזוכען, זיי צו זיך גע־ברענגט אויסגעווייקט, הונגעריג, קוים קוים דאס חיות אין זיך געהאלטען.

דער ווירטה, א וואלד וועכטער, א נאבעלער קריסט, איינער פון די חסידי אומות העולם, האט זיי באלד אויפגעווארעמט, געגעבען צו עסען, גע־לאזט איבערנעכטיגען שלא על מנת לקבל פרס. נייערט, ווי ער האט זיי אליין ערקלעהרט. ווייל ער ליעבט דעם אידישען משיח ליעבט ער אויך אלע אידען, און ווען מ'ליעבט איינעם איז דאך ניט שייך‥. און האט זיי אנגעוויזען אז ישוע המשיח האט געזאגט אין יוחנן 15: "וזאת היא המצוה אשר אני מצוה אתכם כי איש את רעהו תאהבון".

דאס האט זיי דעם קאפ זעהר צוטומעלט: ווי קומט עפעס צו אן איוואן אזא גוט הארץ און אזא טייערע מחשבה וועגען א משיח? מילא א איד האפט אויף משיח'ן און זאגט "אני מאמין באמונה שלימה בביאת המשיח..." נו, איז ער דאך דערפאר א איד. זאגט ער אב דעם "אני מאמין" און א סוף אן עק— אבגעזאגט— דער איוואן אבער האלט דאך אין איין רעדען פון משיח! ער עסט מיט איהם, ער לעבט מיט איהם און איז גליקליך מיט איהם! ווער ווייס, האט זיך איינער אנגערופען, אפשר איז ער גאר איינער פון די בעהאלטענע ל"ו צדיקים?

זייער גרעסטע איבערראשונג איז ערשט געקומען ווען דער קריסט האט פון זיין שאפע ארויס גענומען די ביבעל (תנ"ך) און האט אויפגעמאכט צו מלאכי ב: "הלא אב אחד לכלנו הלא אל אחר בראנו מדוע נבגד איש באחיו לחלל את ברית אבותינו". ווי אויך אין ישעיה נ"ג: „כלנו כצאן תעינו איש לדרכו פנינו וד' הפגיע בו את עון כלנו", ד"ה, אז אלע מענשען זיינען דיזעלבע זינדיגע יחסנים און אלע

# THE SHEPHERD OF ISRAEL

PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

אני הוא הרועה הטוב יוחנן 10-11

# רועה ישראל

והקמתי עליהם רעה אחד יחזקאל לד 23

א מאנאטליך בלאט צו ערקלעהרען צו ישראל דעם אמת'דיגען משיח.

VOL. XII., No. 10 — 50 CENTS A YEAR — JUNE, 1930


## מ'שרייבט צופיעל וועגען אידען

ענגלישע צייטונגען און מאגאזינען האבען תמיד געהאט אזא מין שגעון תמיד צו שרייבען עפעס וועגען אידען. אין די לעצטע צעהנדליגע יאהרען האבען זיך נאך געמעהרט אזאלכע שרייבער, מ'שרייבט ארטיקלען וועגען אידישען ערפאלג, וועגען אידישע ראדיקאלען, און וועגען אידישע געשעפטען. מ'אנאלאזירט דעם איד, מען בעשרייבט איהם און מ'דרוקט בילדער וועגען איהם ווי גלייך דער איד זאל זיין עפעס א ספעציעלע סארט באשעפעניש. וואס זאל דאס אייגענטליך בעדייטען ? !

מ'דארף זיך נור באקענען און פארשטעהען די פסיכאלאגיע פון דער מאדערנער וועלט וועט עס אונז אביסעלע ליכט גיבען וועגען דיזער סיטואציע ווארום דאס איז אזוי. מיר זעהען צום ביישפיעל ווי מען גראבט טיעף אין דער ערד מיט אייזערנע רידלען, אין מצרים און אין ארץ ישראל, כדי צו ענטפלעקען די לעגענדארישע רעטזעלהאפטע בעשרייבונגען פון גרויען אלטערטום. אזאלכע זאכען וואס זענען פערשלייערט און צוגעדעקט מיט שווארצע כמארעס ווילען די ארכעאלאגען ענטדעקען. די וועלט זוכט צו ברענגען די ווייטע פערגאנגענהייט אונטער דעם יעצטיגען זונען־ליכט. די יעצטיגע וועלט מיט איהר גאנצע ציוויליזאציע און וויסענשאפט אינטערעסירט זיך ווייניגער מיט די יעצטיגע וויסענשאפטליכע ענטדעקונגען ווי מיט די שפורען פון אלטערטום. דערפאר שיקט מען אזוי פיעל עקספעדיציעס פאר ארכעלאגישע אויספארשונגען.

די אידישע נאציע איז מיט א י י ן אויסנאהם נעהמליך די כינעזער, דאס עלטסטע פאלק אין דער וועלט און דארום קאנען מיר פארשטעהען ווארום מען גריבעלט זיך אזוי אין דיזער אלט־טימליכער נאציאן כדי צו ענטדעקען דעם סוד פון מאנכע זאכען וואס איז פאראן צווישען זיי, וואס די וועלט קאן נאך עד היום נישט פארשטעהן און בעגרייפען.

אט למשל ווען מ'וויל ציהען פאראלעלען צווישען אידישען פאלק און אנדערע פעלקער מוז מען שטעהן בלייבען ווייל עס איז נישטא קיין פערגלייכען צווישען די כאראקטעריסטיקס פון זיי ביידען. אלע פעלקער אין דער וועלט האבען בעוויזען צו זיין שטאלץ איבער די גרויסע מענער וואס זיי האבען פראדוצירט אין זייער נאציאן. אט איז די כינעזישע נאציע וועלכע צעלט פיער הונדערט מיליאן מענשען, דיעזע כינעזער האבען געהאט אין זייער נאציע א מאן ביים נאמען קאנפוציאוס, ער האט נישט גערעדט פיעל וועגען גאט, ער איז אויך נישט געוועזען וואס מ'קאן ריכטיג אנרופען א לעהרער, ער האט פאר זיי נור געשאפען א סיסטעם פון פאליטישע, עקאנאמישע און מאראלישע געזעצען. ער האט געלעבט 500 יאהר איידער ישוע המשיח איז געבוירען געווארען.

און כאטש קאנפוציאוס קאן זיך קיינמאל נישט פערגלייכען צו דעם גרויסען איד ישוע המשיח, דאך האלטען איהם אלע כינעזער אלס דעם גרעסטען און בעסטען מאן אין דער גאנצער וועלט, ווייל ער איז זייערער.

אדער נעמט למשל גריכענלאנד, זיי האבען ארויסגעגעבען דעם גרויסען פילאזאף פלאטא און זיין תלמיד אריסטאטל ווי אויך שפעטער דעם גרויסען מחקר סאקראטעס, (אלע דריי געבוירען איבער 300 יאהר קודם ביאת המשיח) זייערע נעמען ווערען נאך ביז'ן היינטיגען טאג הויך געעהרט און געשעצט ביי זייערע לאנדסלייט. אנדערע נאציאנען האלטען אפשר טאקע נישט אזוי שטארק פון זיי, אבער זיי, די גריכען, זיי האלטען עולם ומלאו פון זייערע גדולים, ביחוד פון זייער "סאקראטעס" איבער וועלכען ציצערא האט געזאגט אז ער האט ארונטער געבראכט די פילאזאפיע פון הימעל, דאס איז געוועזען ווייל ער האט פיעל פערבראכט אין גריכענלאנד וועלכע האבען אזוי שטארק געהאלטען פון זייערע גרויסע מענשען.

און אזוי שטאלצירט דייטשלאנד מיט איהר ביסמארק. ענגלאנד מיט זייער גרויסען שטאאטסמאן ביקאנספיעלד. אמעריקא מיט אונזער וואשינגטאן. פראנקרייך מיט זייער נאפאלעאן, אלע האבען גרויסען יראת הכבוד פאר זייערע אייגענע גאונים. יא, אזוי דארף עס אויך זיין.

קומט מען אבער צום אידישען פאלק און מען זוכט ביי זיי זייער גרעסטע פערזענליכקייט ישוע המשיח וועמען אפילו די גאנצע וועלט האלט פאר דעם גאר גרעסטען אין דער וועלט, פאר איהם האלט זיך דער פרומער איד די אויגען פארשטעלט, איהם נישט צו זעהן פאר די אויגען, און זיינע אויערען צוגעשטאפט כדי אפילו נישט הערען מעלדען זיין נאמען, און ווען מ'זאגט דעם איד אז אפילו די גרעסטע פראפעסארען, אדוואקאטען, פירסטען און אפילו מלכים בויגען זייערע קניען פאר אונזער גרעסטע פערזאן ישוע וואס איז געקומען פון אונזער נאציע, גיבט זיך דער איד א לאך אונטער דער נאז און בעטיטעלט זיי אלע דערפאר אלס גרויסע חמורים, בכן ער, דער איד, האט מעהר שכל פון זיי און פארשטעהט די זאך בעסער פון זיי אלע.

אין אידישע ספרים ווערט ישוע המשיח קיינמאל נישט געדאכט. לא יזכר ולא יפקד. און ווען עס געפינט זיך אין דער גמרא יא עפעס וועגען איהם. איז מען איהם גאר מזכיר לגנאי... דערפאר שטעהט די מאדערנע וועלט מיט וואונדער און ערשטוינונג און פרעגען זיך — וואס איז דאס עפעס מיט דעם אידישען פאלק, וואסארא מין אנטיקווירטער שכל איז ביי זיי פאראן ? אלע אנדערע נאציאנען עהרען און שעצען זייערע גרויסע מענער און ביי דיזען פאלק איז גאר אומגעקעהרט, זיי האבען אמאל פראדוצירט דעם ישוע המשיח, דעם גרעסטען און בעסטען מענש אין דער וועלט, גרעסער ווי משה און אלע אנדערע נביאים און פילאזאפען וואס די וועלט האט אמאל געהאט, און וואו איז זייער עהרע צו איהם ?

די וועלט דענקט זיך—לאמיר אקארשט בעזייטיגען פאר א מינוט ישוע המשיח'ס כאראקטער אלס דער בן אלהים. אלס די געטליכקייט זעלבסט. אלס דער וואס האט אמאל מחיה מתים געווען. אלס דער וואס האט דעם טויט גובר געווען און איז אליין אם דריטען טאג נאך זיין טויט ווידער אויפגעשטאנען פון די טויטע, וועלכער האט זיך אלס לעבעדיג געצייגט צו זיינע תלמידים גאנצע 40 טעג ביז ער איז ארויף אין הימעל אין געגענווארט פון 500 אידען — מיר ווילען שוין נישט רעדען. זאגען זיי, פון דיעזער וואונדערבארע קוואליפיקאציאנען אין ישוע המשיח, נייערט פשוט פון דער מענשליכער זייט פון ישוע המשיח. ער, א קינד פון אונזער אידישער נאציאן און דאך זענען אידען אזוי אויסטערליש און אייגענארטיג אין זייער שטע־


Published Monthly, except bi-monthly during August and September, by the Williamsburg Mission to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.
Entered as second class matter April 14, 1922, at the Post Office at Brooklyn, N. Y., Under the Act of March 1, 1927.